**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/19/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט נאך 150 מיליאן דאלאר אין פינאנציעלע הילף פאר מוניציפאליטעטן אינדרויסן פון ניו יארק סיטי**

***גאווערנאר העכערט צייטווייליגע מוניציפאלע הילף מיט 100 מיליאן דאלאר פאר אלע סיטיס, טאונס און ווילעדשעס לענגאויס דעם סטעיט***

***סיטי פון באפעלאו וועט באקומען נאך 40 מיליאן דאלאר אין דירעקטע הילף***

***ראטשעסטער, סירעקיוז און יאנקערס וועלן אלע באקומען נאך 10 מיליאן דאלאר***

***20 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג באשטימט פאר אנדערע מוניציפאליטעטן אין א שווערע פינאנציעלע לאגע***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז ניו יארק סטעיט וועט שענקען נאך 150 מיליאן דאלאר אין פינאנציעלע הילף פאר מוניציפאליטעטן אינדרויסן פון ניו יארק סיטי צו העלפן פארגרינגערן באלדיגע פינאנציעלע שוועריקייטן. די צוגעלייגטע געלטער נעמט אריין א 100 מיליאן דאלאר העכערונג אין צייטווייליגע מוניציפאלע הילף (Temporary Municipal Assistance) וואס וועט טריפלען די סומע פינאנצירונג וואס אלע סיטיס, טאונס און ווילעדשעס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי באקומען פון דעם פלוס פון הילף. די פינאנצירונג וועט פארטיילט אין פראפארציע צו עקזיסטירנדע הילף און אינצענטיוון פאר מוניציפאליטעטן (Aid and Incentives for Municipalities, AIM) פינאנצירונג - מיט די סיטיס פון באפעלאו, ראטשעסטער, סירעקיוז און יאנקערס וואס וועלן אלע באקומען די מאקסימום סומע פון נאך 10 מיליאן דאלאר. די גאווערנאר האט אויך אוועקגעלייגט נאך 30 מיליאן דאלאר פאר די סיטי פון באפעלאו, ברענגנדיג די סך הכל נייע אינוועסטירונג פאר די סיטי פון באפעלאו צו 40 מיליאן דאלאר. ווי אויך, טוט די גאווערנאר אויך אריינשטעלן 20 מיליאן דאלאר פאר לאקאלע רעגירונגען אין א שווערע פינאנציעלע לאגע. די נייע אינוועסטירונגען בויען אויף די פאריגע עקזעקיוטיוו בודשעט פארשלאגן וואו די גאווערנאר האט אריינגעשטעלט נאך 50 מיליאן דאלאר אין צייטווייליגע מוניציפאלע הילף צו העלפן לאקאלע רעגירונגען מינימיזירן די לאסט אויף שטייער-צאלער.

"האבנדיג פארברענגט יארן אין לאקאלע רעגירונג, פארשטיי איך די אייגנארטיגע שוועריקייטן וואס אונזערע לאקאלע פירער גייען דורך, וואס איז די סיבה פארוואס מיין אדמיניסטראציע האט נאנט געארבעט מיט מוניציפאליטעטן דורכאויס דעם סטעיט צו העכערן פינאנציעלע שטיצע פונעם סטעיט," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "מיר ווילן אז אלע ניו יארק'ס מוניציפאליטעטן זאלן מצליח זיין, און די פינאנצירונג איז קריטיש וויכטיג צו אוועקשטעלן אונזערע אלע סיטיס, טאונס און ווילעדשעס אין א מער פארזיכערטע פינאנציעלע מצב און זיי ערמעגליכן צו האלטן זייערע איינוואוינער פארזיכערט און ווייטער קענען צושטעלן די וויכטיגע סערוויסעס אויף וואס זיי זענען אנגעוויזן."

**צייטווייליגע מוניציפאלע הילף**

די גאווערנאר'ס עקזעקיוטיוו בודשעט פאר די 2027 פינאנציעלע יאר טוט פארלענגערן פאר איין יאר די 50 מיליאן דאלאר צייטווייליגע פראגראם פאר סיטיס, טאונס און ווילעדשעס. די פראגראם, וואס איז אין אנהויב באשטעטיגט געווארן אין די 2025 פינאנציעלע יאר פאר צוויי יאר, שטעלט צו אלגעמיינע צוועק הילף פאר לאקאלע רעגירונגען. די גאווערנאר לייגט יעצט צו נאך 100 מיליאן דאלאר אין צוגעלייגטע צייטווייליגע מוניציפאלע הילף צו איר עקזעקיוטיוו בודשעט פארשלאג, טריפלנדיג די סך הכל צו 150 מיליאן דאלאר פאר די 2027 פינאנציעלע יאר. די פינאנצירונג בויעט אויף די סטעיט'ס הילף און אינצענטיוון פאר מוניציפאליטעטן (Aid and Incentives for Municipalities, AIM) פראגראם וואס שטעלט צו סטעיט הילף פאר סיטיס, טאונס און ווילעדשעס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי.

דעטאלן לויט ראיאנען פון סך הכל צייטווייליגע מוניציפאלע הילף פאר סיטיס, טאונס און ווילעדשעס אריינגערעכנט אין גאווערנאר Hochul'ס (האקול) עקזעקיוטיוו בודשעט פארשלאג פאר די 2027 פינאנציעלע יאר נעמען אריין:

- **קאפיטאל ראיאן**: 17.2 מיליאן דאלאר
- **צענטראל ניו יארק:** 20.4 מיליאן דאלאר
- **פינגער לעיקס:** 18.1 מיליאן דאלאר
- **לאנג איילענד:** 6.3 מיליאן דאלאר
- **מיד-האדסאן:** 31.2 מיליאן דאלאר
- **מאוהאק וואלי:** 13.0 מיליאן דאלאר
- **נארט קאנטרי:** 4.0 מיליאן דאלאר
- **סאוטערן טעיר:** 8.2 מיליאן דאלאר
- **מערב ניו יארק:** 31.7 מיליאן דאלאר

איבערגעפרישטע סך הכל TMA פינאנצירונג פאר די 2027 פינאנציעלע יאר רעכנט אריין:

- **סיטי פון באפעלאו:** 15 מיליאן דאלאר
- **סיטי פון ראטשעסטער:** 15 מילאין דאלאר
- **סיטי פון סירעקיוז:** 15 מיליאן דאלאר
- **סיטי פון יאנקערס**: 15 מיליאן דאלאר
- **סיטי פון ניאגרא פאלס:** 6.2 מיליאן דאלאר
- **סיטי פון יוטיקא**: 5.6 מיליאן דאלאר
- **סיטי פון אלבעני**: 4.4 מיליאן דאלאר
- **סיטי פון טראוי**: 4.3 מיליאן דאלאר
- **סיטי פון סקענעקטעדי:** 3.9 מיליאן דאלאר
- **סיטי פון בינגהעמטאן**: 3.2 מיליאן דאלאר
- **סיטי פון ראום:** 3.2 מיליאן דאלאר
- **סיטי פון מאונט ווערנאן**: 2.5 מיליאן דאלאר
- **סיטי פון ניו ראשעל**: 2.2 מיליאן דאלאר
- **סיטי פון לעקעוואנא**: 2.2 מיליאן דאלאר
- **סיטי פון ווייט פלעינס**: 1.9 מיליאן דאלאר
- **סיטי פון אובורן**: 1.7 מיליאן דאלאר
- **סיטי פון ניובורג**: 1.6 מיליאן דאלאר
- **סיטי פון וואטערטאון**: 1.6 מיליאן דאלאר

- **סיטי פון דשעימסטאון**: 1.6 מיליאן דאלאר
- **סיטי פון עלמירא:** 1.6 מיליאן דאלאר
- **סיטי פון נארט טאנאוואנדא**: 1.5 מיליאן דאלאר
- **סיטי פון פאוקיפסי:** 1.5 מיליאן דאלאר
- **סיטי פון לאנג ביטש:** 1.1 מיליאן דאלאר

די איבעריגע איבערגעפרישטע TMA סך הכל סכומים פאר אלע ניו יארקער מוניציפאליטעטן קען מען טרעפן דא: https://www.budget.ny.gov/pubs/archive/fy27/ex/local/aim/fy27tma-ex30.pdf

**30 מיליאן דאלאר אין צוגעלייגטע הילף פאר די סיטי פון באפעלאו**

די 30 מיליאן דאלאר פאר באפעלאו איז מיט א פלאן וואו די פינאנצירונג וועט געגעבן ווערן צו פארשטאפן די סיטי'ס בודשעט לאך בשעת'ן מינימיזירן סיי וועלכע צוגעלייגטע לאסט אויף שטייער-צאלער און אנהאלטן פובליק זיכערהייט.

**20 מיליאן דאלאר פאר מוניציפאליטעטן אין א שווערע פינאנציעלע לאגע**

נאך 20 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג גייט פאר סיטיס, טאונס און ווילעדשעס וואס געפונען זיך אין גאר שווערע פינאנציעלע אומשטענדן. צו זיין בארעכטיגט פאר די געלטער, מוזן מוניציפאליטעטן צושטימען דורכצוגיין א ברייטע איבערזיכט דורך די פינאנציעלע איבער-סטראקטשערן באורד פאר לאקאלע רעגירונגען (Financial Restructuring Board for Local Governments).

**סיטי פון באפעלאו מעיאר Sean Ryan (שאון רייען) האט געזאגט,** "מיין אדמיניסטראציע ארבעט אויף א פאראנטווארטליכע, פילע-יארן פלאן צו פאררעכטן די סטראקטשורעל אומבאלאנס אונטער וואס באפעלאו האט אפערירט פאר לאנגע יארן. אבער ערשט, דארפן מיט פארשטאפן דעם לאך אינעם בודשעט וואס מיר האבן גע'ירשנ'ט. די שטיצע פון ניו יארק סטעיט טוט אונז ערמעגליכן צו באלאנסירן די היי יעריגע ביכער אן דערפן בארגן פרישע געלטער, און רעדוצירט די דרוק אויף באפעלאו שטייער-צאלער אין די קומענדיגע יארן. איך בין דאנקבאר צו גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן אנערקענען די דרונגנדע געברויך פון באפלאו און צושטעלן די ריסאורסעס וואס וועלן גלייך סטאביליזירן אונזערע פינאנסן אין די צייט וואס מיר הויבן אן די לאנג-טערמיניגע ארבעט צו אוועשטעלן אונזער סיטי אויף א סטאבילע פינאנציעלע באדן."

**סיטי פון יאנקערס מעיאר Mike Spano (מייק ספענאו) האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן אויסהערן די רוף פון די פינעף גרעסטע ניו יארקער סיטיס פאר נאך מוניציפאלע הילף אין די היי יעריגע בודשעט. די קריטישע אינוועסטירונג איז אן אנערקענונג פון די צוזאמענארבעט צווישן ניו יארק סטעיט און לאקאלע רעגירונגען צו פארשטערקערן פובליק זיכערהייט, פארבעסערן אינפערסטראקטור, און באשיצן וויכטיגע סערוויסעס פאר אונזערע איינוואוינער אן ארויפשטעלן א גרעסערע לאסט אויף שטייער-צאלער מיר זענען דאנקבאר פאר איר צוזאמענארבעט און פירערשאפט."

**סיטי פון ראטשעסטער מעיאר Malik D. Evans (מאליק ד. עווענס) האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר'ן אריינשטעלן די צוגעלייגטע געלטער פאר ראטשעסטער און אנדערע סיטיס אין איר בודשעט פארשלאג, און איך באגריס איר פאר'ן אנערקענען די געברויך פאר געהעכערטע סטעיט אינוועסטירונג אין ניו יארק'ס מוניציפאליטעטן. ארבעטנדיג צוזאמען מיט גאווערנאר Hochul (האקול), ריקן מיר זיך מיט א שנעלקייט צו טראנספארמירן אונזערע פיזישע לענדסקעיפ צו ברענגען מער פארדינסטן, שאפן דשאבס, און פארגרעסערן אונזער באפעלקערונג. דורך

געבן פאר ראטשעסטער די אפערירונג געלטער וואס קענען העלפן אונזער מערסט עמפינדליכע איינוואוינער, העלפט זי זיכער מאכן אז מיר זאלן אלע קענען אנהאלטן דעם וואוקס."

**סיטי פון סירעקיוז מעיאר Sharon Owens (שעראן אויוועןס) האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט און פארפליכטונג צו שטיצן מוניציפאליטעטן דורכאויס ניו יארק סטעיט. די גאווערנאר'ס אלגעמיינע העכערונג פון 100 מיליאן דאלאר פאר צייטווייליגע מוניציפאלע הילף וועט צושטעלן קריטישע שטיצע פאר סירעקיוז און אנדערע קאמיוניטיס וועלכע פארלאזן זיך אויף די צוזאמענארבעט מיט ניו יארק סטעיט. די צולייגונג פון 10 מיליאן דאלאר צו אונזער פריערדיגע סכום פון 5 מיליאן דאלאר וועט העלפן פארשטערקערן די סיטי'ס וויכטיגע סערוויסעס אויף וואס איינוואוינער פארלאזן זיך, און אונז ערמעגליכן צו אנהאלטן וויכטיגע פראגראמען און פרעזערווירן די קוואליטעט פון לעבן וואס קומט זיך פאר אונזערע איינוואוינער. איך וויל אויך אנערקענען אנדערע מעיארן ווי מיר לענגאויס ניו יארק סטעיט וועלכע וועלן בענעפיטירן פון די וויכטיגע אינוועסטירונג. צוזאמען, האבן מיר א געמייזנאמע ציל פון בויען שטערקערע, מער שטאנדהאפטיגע סיטיס פאר די מענטשן וועמען מיר סערווירן."

**סיטי פון אלבעני מעיאר Dorcey Applyrs (דארסי אפליערס) האט געזאגט,** "איך בין טיף דאנקבאר צו גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע אינוועסטירונג אין אלבעני און פאר'ן אנערקענען די וויכטיגע ראלע וואס מוניציפאליטעטן שפילן דורכאויס ניו יארק סטעיט. די צוגעלייגטע אינוועסטירונג פון 4.4 מיליאן דאלאר איז באמת באדייטפול פאר אונזער סיטי. פארשטערקערן צייטווייליגע מוניציפאלע הילף טוט ערמעגליכן אלבעני צו אנהאלטן וויכטיגע פובליק סערוויסעס, שטיצן פובליק זיכערהייט, און ווייטער קענען צושטעלן פאר אונזערע איינוואוינער. מיר זענען קלאר געוועהן איבער די וויכטיגקייט פון געהעכערטע פינאנציעלע הילף פאר אונזער סיטיס'ס צוקונפט, און די גאווערנאר האט דאס צוגעשטעלט. מיר האבן א שטארקע שותף אין גאווערנאר Hochul (האקול) אין די צייט וואס זי טוט ווייטער אנערקענען די וויכטיגקייט פון אינוועסטירן אין די קאפיטאל סיטי. איר שותפות מאכט באמת אויס פאר אונזער קאמיוניטי."

**ניו יארק קאנפערענס פון מעיארן (New York Conference of Mayors) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Barbara Van Epps (בארבערע וואן-עפס) האט געזאגט,** "NYCOM דאנקט גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן אנערקענען אז ניו יארק'ס שטארקייט הויבט זיך אן אין אירע סיטיס, ווילעדשעס און טאונס, און פאר'ן ווידער-באשטעטיגן איר פארפליכטונג צו אינוועסטירן אין לאקאלע רעגירונגען. אונזער סטעיט איז בלויז אזוי שטארק ווי די קאמיוניטיס וואס טרייבן עס, און די געהעכערטע פינאנצירונג רעפלעקטירט איר פארשטאנד אז א שטארקע סטעיט-לאקאלע שותפות איז גאר וויכטיג צו צושטעלן די סערוויסעס, אינפערסטראקטור און קוואליטעט פון לעבן וואס ניו יארקער דארפן און ערווארטן. די צוגעלייגטע הילף וועט ברענגען באדייטפולע הילף נישט בלויז פאר מוניציפאליטעטן דורכאויס ניו יארק וואס מוטשענען זיך מיט שטייגנדע פינאנציעלע דרוק, נאר אויף פאר שטייער-צאלער וועלכע שטרעבן צו באלאנסירן הויזגעזונד אויסגאבן אינמיטן די שטייגנדע לעבנס קאסטן. מיר זענען טיף דאנקבאר פאר די גאווערנאר'ס אנערקענונג פון די וויכטיגע ראלע וואס לאקאלע רעגירונגען שפילן אין פאראויסריקן ניו יארק, און מיר טוען שטארק מוטיגן די סטעיט לעגיסלאטור צו פרעזערווירן די צוגעלייגטע אינוועסטירונג אין די אנגענומענע סטעיט בודשעט — וויבאלד ווען אונזערע סיטיס און ווילעדשעס הייבן זיך, הייבט זיך גאנץ ניו יארק מיט זיי."

**ניו יארק סטעיט עסאוסיעישען פון טאונס (New York State Association of Towns) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Christopher Koetzle (קריסטאפער קאוטסלי) האט געזאגט,** "טאונס דורכאויס ניו יארק טוען באדאנקען גאווערנאר Hochul (האקול) און באגריסן איר פארשלאג צו צושטעלן נאך 10 מיליאן דאלאר אין אומבאגרעניצטע סטעיט הילף דורך די צייטווייליגע מוניציפאלע הילף פראגראם. די פינאנצירונג שטעלט צו קריטישע פינאנציעלע פרייהייט, ערמעגליכנדיג טאונס צו אנהאלטן

וויכטיגע פובליק סערוויסעס און רעדוצירן אנגעוויזנקייט אויף ריעל עסטעיט שטייערן. ביי NYAOT'ס קאנפערענס אויף דינסטאג, האט די גאווערנאר ווידער-באשטעטיגט, אז אלס א געוועזענע טאון באאמטע, האט זי נישט פארגעסן איר לאקאלע רעגירונג אפשטאם. די פארשלאג צייגט א קלארע פארפליכטונג צו שטיצן מוניציפאליטעטן מיט באדייטפולע, דירעקטע הילף."

**ווילעדש פון ברייטוואטערס מעיאר און פרעזידענט פון די סאפאוק קאונטי ווילעדש באאמטע אסאוסיעישען (Suffolk County Village Officials Association) John Valdini (דשאן וואלדיני) האט געזאגט,**"די צוגעלייגטע אינוועסטירונג אין צייטווייליגע מוניציפאלע הילף איז א באדייטפולע שריט אין ריכטונג פון שטיצן לאקאלע רעגירונגען אין די צייט וואס מיר זעצן פאר זיך צו ספראווען מיט שטייגנדע קאסטן. אין נאמען פון די סאפאוק קאונטי ווילעדש באאמטע אסאוסיעישען, באדאנק איך דעם גאווערנאר פאר די צוגעלייגטע שטיצע, וואס וועט געבן שטארק נויטיגע הילף פאר מוניציפאליטעטן דורכאויס אונזער ראיאן."

**ווילעדש פון סי קליף מעיאר און פרעזידענט פון די נעסאו קאונטי ווילעדש באאמטע עסאוסיעישען (Nassau County Village Officials Association) Elena Villafane (עלענא ווילעפעין) האט געזאגט,** "די נעסאו קאונטי ווילעדש באאמטע אסאוסיעישען איז דאנקבאר פאר גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פארפליכטונג צו העכערן שטיצע פאר לאקאלע רעגירונגען דורכאויס ניו יארק סטעיט. די צוגעלייגטע 150 מיליאן דאלאר אין הילף, אריינגערעכנט ד העכערונג אין צייטווייליגע מוניציפאלע הילף, וועט העלפן פילע ווילעדשעס דא אין נעסאו קאונטי. ווילעדשעס לענגאויס דעם קאונטי טרעפן זיך מיט פארמערטע פינאנציעלע דרוק אין צייט וואס זיי זוכן צוצושטעלן וויכטיגע סערוויסעס אינמיטן פון אין-איין שטייגנדע קאסטן און סטעיט און פדעראלע מאנדאטן. די פינאנצירונג רעפרעזענטירט א וויכטיגע ערשטע שריט אין פארשטערקערן מוניציפאלע סטאביליטעט און שטיצן אונזערע קאמיוניטיס."

**סיטי פון ניו ראשעל מעיאר Yadira Ramos-Herbert (יאדירא רעימאס-הערבעט) האט געזאגט,** "מיר זענען טיף דאנקבאר צו גאווערנאר Hochul (האקול) פאר די 2.2 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין די סיטי פון ניו ראשעל. די פינאנצירונג פארשטערקערט אונזער פינאנציעלע פונדעמענט אין די צייט וואס מיר טוען פאראויסריקן אונזערע סטראטעגישע פריאריטעטן און טוען ווייטער צושטעלן וויכטיגע סערוויסעס פאר אונזערע איינוואוינער. די סטעיט'ס מיטארבעט האט געהאלפן פארזיכערן אז מיר קענען היינט אנהאלטן סטאביליטעט בשעת'ן בויען א מער שטאנדהאפטיגע און בליעדנע צוקונפט פאר קומענדיגע דורות."

**סיטי פון נארט טאנאוואנדא מעיאר Austin Tylec (אסטען טיילעק) האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר צו גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן אנערקענען די פינאנציעלע שוועריקייטן מיט וואס לאקאלע רעגירונגען ספראווען זיך און פאר'ן פארשטערקערן צייטווייליגע מוניציפאלע הילף. איר אנגייעדנע שותפות שטעלט צו באדייטפולע שטיצע פאר נארט טאנאוואנדא, און העלפט אונז אנהאלטן סטאביליטעט בשעת'ן פלאנירן מיט א זיכערקייט פאר'ן צוקונפט."

**סיטי פון ניאגרא פאלס מעאיר Robert Restaino (ראבערט רעסטעינאו) האט געזאגט,** "אין נאמען פון די איינוואוינער פון די סיטי פון ניאגרא פאלס, זענען מיר שטארק דאנקבאר צו גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן פארלענגערן די צייטווייליגע הילף פראגראם אונטער וואס די סיטי וועט באקומען 6.2 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג אין צוגאב צו געלטער פון די הילף פאר מוניציפאליטעטן פראגראם. די העכערונג אין סטעיט שטיצע וועט אסאך אויפטוהן פאר אונזערע באמיאונגען צו פארבעסערן סערוויסעס פאר שטייער-צאלער און אנדערע איניציאטיוון צו פארשענערן און אנטוויקלען סיטי געגנטער."

**סיטי פון לאקאוואנא מעיאר Annette Iafallo (אנעט איאפאלאו) האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר צו גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן באשטימען נאך 2.2 מיליאן דאלאר אין צייטווייליגע

מוניציפאלע הילף פינאנצירונג פאר די סיטי פון לאקאוואנא, וואס וועט געבן פאר אונזער סיטי די שטארק-נויטיגע ריסאורסעס צו קענען ווייטער צושטעלן סערוויסעס אויף אן עפישענט און ווירקזאמע פארנעם אינערהאלב אונזער קאמיוניטי."

**סיטי פון מאונט ווערנאן מעיאר Shawyn Patterson Howard (שאון פעטערסאן האוויווארד) האט געזאגט,** "מיר זענען טיף דאקנבאר צו גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר איר אנגייענדע פארפליכטונג צו שטיצן מוניציפאליטעטן לענגאויס ניו יארק סטעיט. די 2.5 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין די סיטי פון מאונט ווערנאן קומט אין א קריטישע צייט און וועט העלפן דערלייכטערן באלדיגע פינאנציעלע דרוק בשעת אונז ערמעגליכן פארצוזעצן צוצושטעלן וויכטיגע סערוויסעס פאר אונזערע איינוואוינער. גאווערנאר Hochul (האקול) פארשטייט אז שטארקע סיטיס זענען די ריקן-ביין פון א שטארקע סטעיט, און די צוגעלייגטע הילף שטעלט צו באדייטפולע דערלייכטערונג וואס וועט פארשטערקערן אונזער פינאנציעלע סטאביליטעט און שטיצן אונזערע אנגייענדע באמיאונגען צו בויען א מער שטאנדהאפטיגע מאונט ווערנאן."

**סיטי פון סקענעקטעדי מעיאר Gary McCarthy (גערי מעקארטי) האט געזאגט,** "מיר זענען שטארק דאנקבאר פאר די אריינפלוס פון סטעיט הילפס געלטער אין צייט וואס מיר שטיצן טאג-טעגליכע אויפהאלטונג און אפעראציעס פון די עלעקטרישע סיטי. עס וועט אונז העלפן נאכקומען קאסטן און פארזעצן צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פראיעקטן און פראגראמען. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנאר Hochul'ס (האקול) מיטארבעט און אנגייענדע אינוועסטירונג אין די סיטי פון סקענעקטעדי און אירע איינוואוינער."

**סיטי פון טראוי מעיאר Carmella R. Mantello (קארמעלע ר. מענטעלאו) האט געזאגט,** "גאווערנאר Kathy Hochul'ס (קעטי האקול) מעלדונג פון נאך 4.3 מיליאן דאלאר אין TMA געלטער איז א וויכטיגע אינוועסטירונג אין די צוקונפט פון טראוי. די ריסאורסעס וועלן אונז העלפן פארשנעלערן טראנספארמירדנע געגנט אויפלעבונג פראיעקטן ווי One Monument Square, Frear Park, און אנדערע קריטישע פארבעסערונגען דורכאויס אונזער סיטי. די פינאנצירונג פארשטערקערט אונזער מעגליכקייט צו ברענגען עכטע רעזולטאטן פאר איינוואוינער און פארזעצן צו בויען א מער פארזיכערטע, ריינע, און בליענדע טראוי. מיר זענען באמת דאנקבאר פאר גאווערנאר Hochul'ס (האקול) אנגייענדע אינוועסטירונג אין די קאלאר סיטי."

**סיטי פון דשעימסטאון מעיאר Kimberly Ecklund (קימבערלי עקלונד) האט געזאגט,** "די געהעכערטע פארטיילונג פון צייטווייליגע מוניציפאלע הילף טוט צושטעלן שטארק-נויטיגע שטיצע פאר מוניציפאליטעטן ווי דשעימסטאון וועלכע ספראווען זיך מיט אן אנגייענדע אויפשטייג אין קאסטן דורכאויס יעדער פעלד פון אפערירונג. פון אינפלאציע און לעיבאר פארפליכטונגען ביז אינפערסטראקטור און סערוויס פאדערונגען, טוט די פינאנציעלע דרוק אויף לאקאלע רעגירונגען אין איין שטערקער ווערן. די צוגעלייגטע געלטער טוט העלפן אנהאלטן וויכטיגע סערוויסעס, האלטן פאראנטווארטליכע קאנטראל איבער פינאנסן, און פארגרינגערן דרוק אויף שטייער-צאלער בשעת'ן האלטן אונזער קאמיוניטי סטאביל און פארזיכערט."

**סיטי פון ראום מעיאר Jeffery Lanigan (דשעפערי לעניגען) האט געזאגט,** "מיר זענען אזוי דאנקבאר צו גאווערנאר Hochul (האקול) פאר די 3.2 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין די סיטי פון ראום. די פינאנצירונג טוט פארשטערקערן אונזער פינאנציעלע פונדעמענט, העלפנדיג שאפן א מער שטאנדהאפטיגע און בליענדע צוקונפט פאר קומענדיגע דורות."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן